בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
**ס"ד**
**פרשת ראה תש"פ**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

קדושת שבעת הנרות
ער מיינט דעם 'אראפווארפן'...
דבר שאין מקבל טומאה
רבונו של עולם, עד מתי...
שכל בבחינת מקיפים
ידיעה ובחירה
אכול ושתו כי מחר נמות
נסיון העוני - נסיון העושר
חם לבי בקרבי - דיברתי בלשוני
יום הוא ועדיך יבוא
זקנים מאריכי ימים שבדור
בעצבון תאכלנה
מעלת אמירת הקטורת
כאילו הקרבנו...

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 64

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

# פרשת שמות, שנת תשל"ה

(טייפ מס' 68#)

## קדושת שבעת הנרות

(חסרה ההתחלה, לומד בלקוטי מוהר"ן תורה כ"א, אות ג':)[א] - **עס שטייט אין זוהר[ב] "רוח חכמה הבא מקודש"! אז מען היט די "ז' נרות",[ג] האט מען א רוח חכמה, אז מען היט די געדאנקען, אה!**

**א מענטש, חלילה מיט א שלעכטן קוק, אז ער האט א 'מרירות' אויף דערויף, ער 'ביטערט' אויף דערויף, ער דערציילט דעם אויבערשטן - איז זייער גוט! אבער אז ער האט הנאה דערפון, ער האט גארנישט קיין חרטה דערפון, און נאכדעם ער עפענט אויף די תורה, ער זעהט נישט קיין לעכטיגקייט אין די ווערטער! ס'דאוונט זיך נישט, ס'לערנט זיך נישט! ווייל דו האסט דארטן געכאפט א שלעכטן קוק, קענסטו גארנישט זעהן וואס ס'טוהט זיך אין די תורה!**

**אז ער האט חרטה, תשובה העלפט אוודאי, תשובה! אבער אזוי - טויג נישט!**

**דאס אייגענע דער 'דיבור' אויך, מען רעדט א 'דיבור פגום', א 'דיבור פגום' איז א געוואלד! און דערנאך האט מען נישט קיין חרטה, און מ'גייט גלייך לערנען, מ'גייט**

---

[א] וז"ל שם בליקוטי מוהר"ן: וְשֶׁפַע אֱלֹקִי הַזֹּאת הוּא בְּחִינַת סֻכָּה, כִּי סֻכָּה הוּא בְּחִינַת שֶׁסָּכָה בְּרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ, כִּי רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ הוּא שֶׁפַע אֱלֹקִי. וְסֻכָּה הַזֹּאת הִיא בָּא עַל־יְדֵי שִׁבְעָה עֲנָנִים, הַיְנוּ בְּחִינַת שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת כַּנַּ"ל, שֶׁעַל־יָדָם הָאָדָם מַשִּׂיג פְּנֵי הַמְּנוֹרָה, הַיְנוּ סֻכָּה, הַיְנוּ שֶׁפַע אֱלֹקִי. וְרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ נִקְרָא עַל שֵׁם הַחָכְמָה, שֶׁהִיא רוּחַ חָכְמָה הַבָּא מִקֹּדֶשׁ כַּיָּדוּעַ.

[ב] עי' זוהר הקדוש פרשת אחרי דף ס"א ע"א.

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן שם אות ב': אֲבָל לְהַגִּיעַ לִבְחִינַת שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל, אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לָזֶה, אֶלָּא שֶׁיְּקַדֵּשׁ אֶת פִּיו וְחָטְמוֹ וְעֵינָיו וְאָזְנָיו, וְהֵן הֵן מְאִירִין לוֹ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל. הַיְנוּ, שֶׁיִּשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלְּהוֹצִיא שֶׁקֶר מִפִּיו, וְיִהְיֶה לוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹטֶם, בִּבְחִינַת: "וַהֲרִיחוֹ בְּיִרְאַת ה'", וְיִהְיֶה לוֹ אֱמוּנַת חֲכָמִים, הַתָּלוּי בְּאָזְנַיִן, בִּבְחִינַת: "שְׁמַע דִּבְרֵי חֲכָמִים", וְיַעֲצִים עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרַע, כִּי הֵן הֵן הַמְעוֹרְרִין אֶת שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל לָבוֹא ... וְהֵן הֵן שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, כִּי פֶּה וּתְרֵין נֻקְבָּא חֹטְמָא וּתְרֵין עַיְנִין וּתְרֵין אֻדְנִין הֵם בְּחִינַת שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, 'וּמְנַרְתָּא – דָּא רֵישָׁא', הַיְנוּ הַמֹּחַ, וּפְנֵי הַמְּנוֹרָה – הַיְנוּ שֶׁפַע אֱלֹקִי הַנַּ"ל.

גלייך דאווענען, אויב ער האט חרטה אויף פריער איז זייער גוט, אז נישט - איז א געוואלד!

א געוואלדיגער לשון שטייט אין 'זוהר',[ד] איינער איז פוגם אין 'דיבור פיו' און זעצט זיך באלד לערנען, דאס הייסט: ער האט נישט קיין חרטה, ער האט נישט קיין מרירות, איז מען אים אויבן 'מנדה', לייגט מען אים אין 'חרם' אויף 'פערציג טעג', און מען רופט אויס אין אלע עולמות אז "דער מענטש איז מנודה פערציג טעג", און זיין תפילה ווערט נישט נתקבל! אז ס'גייט אריבער פערציג טעג, רופט מען אויס אז "ס'איז שוין מותר געווארן דער נידוי"!

אין זוהר שטייט סתם, "א דיבור פגום - און גייט 'גלייך לערנען' אדער 'דאווענען'!", נאר וואס דען, ס'ווערט שוין געבראכט אז ס'מיינט אז ער האט נישט קיין תשובה אויף דעם דיבור פגום, ער האט נישט קיין חרטה![ה]

❖

## ער מיינט דעם 'אראפווארפן'...

דער רבי זאגט אין די תורה,[ו] ס'איז דא א תשובה 'בבחינת שבת', און א תשובה 'בבחינת חול'. 'צדיקים' האלטן ביי א תשובה 'בחינת שבת', 'שביתה וניחא', זיי זענען כסדר מקושר צום אויבערשטן.

ביי אונז איז א 'בחינת חול', 'חול' הייסט - "כשר, פסול, טמא טהור, אסור מותר", ער איז 'כשר' - ער איז 'פסול', ס'ווארפט זיך, אבער א תשובה איז דאס אויך!

ס'איז פארהאנען - ער ווערט 'פסול' ווערט ער ווייטער צוריק 'כשר', ער ווערט 'טמא' ווערט ער צוריק 'טהור', 'מותר' 'אסור', דאס איז די זעקס טעג פון די וואך, די זעקס בחינות, אויך גוט!

---

[ד] פרשת פקודי דף רמ"ט ע"ב.

[ה] עי' ריש הקדמת ספר דרך פיקודיך: ואם תקשה א"כ יתבטל האדם ח"ו מתורה ומצות עד אשר יתקן הכל כפי הנקצב עליו לכל חטא ועון כמו שהקשינו לעיל, זה אינו, כי עיקר התשובה בפה ובלב, על כן קודם כל עסק התורה ותפלה ומצות יהרהר בתשובה, ויתוודה במו פה לפרקים את אשר זוכר אז, ולא יקרא לו תואר רשע, ויקובל תורתו ומצותיו ועבודתו לפני היוצר כל הוא אלקינו. עיי"ש באריכות.

[ו] תו' ע"ט.

אבער אז 'פסול' און ער ווערט נישט באלד צוריק 'כשר', ער איז 'טמא' און ווערט נישט צוריק 'טהור', טויג נישט! טויג עס נישט!

דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן 'תשובה קדמה לעולם'! א מענטש וועט זינדיגן, נו, "וכי בחנם נקראתי רחום וחנון"?![ז] ער וועט טוהן תשובה!

**רבי נתן האט אזוי געזאגט: "דער בעל דבר, אז ער מאכט א מענטשן זינדיגן, מיינט ער נישט דעם 'פגם', ווייל ער ווייס אז מען קען טוהן 'תשובה', ער מיינט אבער דעם 'אראפוואַרפן' (אים), ווייל ער וועט נישט 'וועלן' טוהן קיין תשובה! דאס מיינט ער!**

ווייל ווען ער זאל וויסן אז ער וועט טוהן תשובה איז ער גארנישט (מרויח), פארקערט וועט ער ווערן נאך חשוב'ער! ער מיינט - ער זאל אים 'אראפוואַרפן', וועט ער נישט טוהן תשובה! ווייל דורך א פגם פאלט ער אראפ ביי זיך און - - (ונשאר שם ח"ו)."[ח]

❖

# דבר שאין מקבל טומאה

(המשך לימוד בלקוטי מוהר"ן תורה כ"א, אות ג':) **וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: מִנַּיִן שֶׁאֵין מְסַכְּכִין** דעם סכך פון סוכה, **אֶלָּא בְּדָבָר שֶׁאֵין מְקַבֵּל טֻמְאָה וּבְדָבָר שֶׁגִּדּוּלוֹ מִן הָאָרֶץ,** למשל מיט א כלי טאר מען נישט מסכך זיין, ס'איז א מקבל טומאה, נאר א דבר וואס ס'איז נישט מקבל קיין טומאה, און א זאך וואס וואקסט פון

---

[ז] עי' זוהר הקדוש פרשת אחרי דף ס"ט ע"ב.

[ח] עי' ליקוטי הלכות הל' תחומין ה' אות ל"ה: **כִּי הַבַּעַל-דָּבָר מִתְנַכֵּל בְּנַפְשׁוֹ לְהַפִּילוֹ בְּכָל עֵת, מֵחֲמַת שֶׁמַּכְנִיס בְּלִבּוֹ שֶׁקָּשֶׁה לוֹ עוֹד לְתַקֵּן עֲבֵרוֹת כָּאֵלּוּ,** בִּפְרַט כְּפִי מַה שֶּׁיֵּשׁ אֲנָשִׁים שֶׁקִּלְקְלוּ כְּמוֹ שֶׁקִּלְקְלוּ, כְּמוֹ שֶׁהֵם יוֹדְעִים בְּעַצְמָם שֶׁעָבְרוּ עֲבֵרוֹת רַבּוֹת וּגְדוֹלוֹת יָמִים וְשָׁנִים הַרְבֵּה רח"ל כו', וְיֵשׁ שֶׁכְּבָר רָצוּ כַּמָּה פְּעָמִים לָשׁוּב וְכַמָּה פְּעָמִים הִתְחִילוּ בִּתְשׁוּבָה וּבַעֲבוֹדַת ה' בֶּאֱמֶת, וְאַחַר-כָּךְ נָפְלוּ כְּמוֹ שֶׁנָּפְלוּ כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי נְפִילָתוֹ רח"ל, **וְעַל-כֵּן מַכְנִיס הַבַּעַל-דָּבָר בְּלִבָּם בְּכָל פַּעַם שֶׁכְּבָר אָפֵס תִּקְוָה ח"ו לְפִי עֹצֶם הַפְּגָמִים הָאֵלֶּה** ... אֲבָל הָאָדָם צָרִיךְ לְהַשְׂכִּיל עַל דְּרָכָיו וְלָחוּס עַל חַיָּיו, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל בְּכָל עֵת, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, כַּמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ כַּמָּה פְּעָמִים ...

די ערד, שֶׁנֶּאֱמַר: "וְאֵד יַעֲלֶה מִן הָאָרֶץ", מָה אֵד הוּא דָּבָר שֶׁאֵין מְקַבֵּל טֻמְאָה וְאֵין גִּדּוּלוֹ אֶלָּא מִן הָאָרֶץ וְכוּ', אזוי דארף זיין דער סכך.

דער 'סכך' דאס איז דאך דער 'רוח הקודש', דארף זיין א זאך וואס ס'איז נישט מקבל קיין טומאה! ווען קען זיין דער 'סכך' - די 'סוכה' - דאס הייסט 'רוח הקודש'? א 'דבר שאין מקבל טומאה' - אז ער האלט די ז' נרות (בקדושה)![ט]

דער עיקר טומאה קען נאר אריינגיין אין די ז' נרות, דער עיקר איז נאר די ז' נרות, דארטן קען אריינגיין די טומאה, די 'ראייה' און די 'שמועה' און דער 'דיבור', דארטן קען ווערן טומאה, און מסכך זיין - זוכה זיין צו דעם סכך - דעם רוח הקודש - איז א 'דבר שאין מקבל טומאה', דו זאלסט אפהיטן די 'מנורה', דו זאלסט נישט מטמא זיין די 'מנורה'!

געוואלד, אינגאנצן דאס איז נאר - וואס איז א 'איש כשר'? נאר דאס דאזיגע - ער האלט ריין די 'מנורה', דאס איז א 'איש כשר'! און איז זוכה צו גוטע געדאנקען! דבר שאינו מקבל טומאה!

וְאֵד הֵן הֵן אֵלּוּ הָעֲנָנִים הַנַּ"ל, וְהֵן בְּחִינַת קֹדֶשׁ, וּגְדֵלִין מִן הָאָרֶץ, וואס הייסט 'גדלין מן הארץ'? 'ארץ' מיינט מען 'חכמה', כִּי צָרִיךְ הַמְקַבֵּל הַזֶּה לִהְיוֹת חָכָם, דער וואס איז מקבל דעם 'שפע אלקי', דער אויבערשטער זאל אים געבן א 'שפע אלקי', 'הייליגע געדאנקען', דארף ער זיין א 'חכם'! וואס הייסט א 'חכם'? ער דארף מקדש זיין די ז' נרות, דאס הענגט דאך אן אין מח, דערפון איז ער א 'חכם', דעמאלט גיט מען אים!

כִּי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא 'יָהֵב חָכְמְתָא לְחַכִּימִין', ווער הייסן די 'חכימין'? אט די דאזיגע וואס האלטן ריין די "ז' קני המנורה", איז דאך עס תלוי אין מח דארטן, גיט דער אויבערשטער 'חכמה', גיט דער אויבערשטער 'שפע אלקי', בִּבְחִינַת: "וּבְלֵב כָּל חֲכַם לֵב נָתַתִּי חָכְמָה".

❖

---

[ט] עי' ליקוטי מוהר"ן שם אות ב', הובא לעיל.

# רבונו של עולם, עד מתי...

צו וואס דער מענטש ציהט זיך, העלפט מען אים פון אויבן! דער אויבערשטער העלפט!

נאר ווען העלפט דער אויבערשטער? אז דער מענטש ציהט זיך דערצו, ער וויל דאס, נאר ס'איז אים שווער, 'מלמעלה' ווייסט מען וויפיל ער ציהט זיך, וויפיל ער קען, און וויפיל ער וויל, העלפט מען אים פון אויבן, שיקט מען אים גוטע געדאנקען!

מען דרייט זיך ארום אין דער וועלט, אין אלע הצטרכות'ן טראכט מען, די קינדער, די שטוב, אלעס זאל זיין בסדר, אלעס זאל קלאפן, ס'זאל זיין, ווינטער וואס ס'איז שייך צו ווינטער, זומער וואס ס'איז שייך צו זומער, שבת, יום טוב, אלעס זעהט מען ס'זאל זיין אלץ (וואס מען דארף), נאר דער עיקר זאך, די עיקר הכנות וואס מען דארף צוגרייטן, א 'מח', מיט א 'אויגן', מיט א 'מויל', דאס טראכט מען גארנישט!

דארף מען די געדאנקען אוועקלייגן זיך, מיט תפילות בעטן דעם אויבערשטן, דאס איז דער עיקר חשיבות פון א מענטש!

וואס איז דער חילוק, דער שטארבט און דער שטארבט? דער קומט אהינצו מיט 'ריינע אויגן', מיט א 'ריין מויל', מיט א 'ריינעם מח'!

איז דארטן א 'התפארות', א געוואלד, א מענטש פון דעם עולם איז געקומען אהינצו מיט 'ריינע אויגן', מיט א 'ריינעם מח', א 'ריין מויל', א געוואלד!

דער מענטש ווייסט דאך אז מען איז נישט קיין אייביגער - (בעולם הזה), דארף מען זיך פארלייגן אויף דער זאך, ליגן אין תפילה, אסאך בעטן דעם אויבערשטן אויף דער זאך: "רבונו של עולם, געוואלד און געשריגן, עד מתי, עד מתי??!".

❖

# שכל בבחינת מקיפים

(המשך לימוד בלקוטי מוהר"ן תורה כ"א, אות ד':) זאגט דער רבי, וְסַבָּה הַנַּ"ל, הַיְנוּ רוּחַ־הַקֹּדֶשׁ הַנַּ"ל, שֶׁפַּע אֱלֹקִי הַנַּ"ל, הוּא בְּחִינַת מַקִּיפִין, דאס נעמט ארום דעם מח,

שֶׁהַשֵּׂכֶל הַזֶּה הוּא גָּדוֹל עַד לִמְאֹד, עַד שֶׁאֵין הַמֹּחַ יָכוֹל לְסָבְלוֹ, דער מח קען נישט סובל זיין דעם שכל!

איז די קשיא: אז דער מענטש האט תמיד א 'שכל' ארום דעם 'מח', און קען נישט אריין אין מח אריין, איז וואס האט ער דערפון?! אז דער 'מח' קען נישט סובל זיין דעם 'שכל', דעם 'שפע אלקי', איז וואס האט ער פונעם 'שפע אלקי' אז ער קען נישט אריין אין 'מח'?!

נאר וואס דען, ער קען נישט אריין אין 'מח', אבער דער מענטש ווערט נתעורר פון דעם! אז ס'שטייט ארום דעם מח איז שוין אויך גוט, כאטש ער קען נישט אריין אין מח, דער מענטש שלעפט 'חיות' פון אים!

ס'קען זיין אמאל א בוים איז יונק פון א קוואל, און דער קוואל קען גאר זיין ווייט פון דעם בוים, אבער אונטער דער ערד ציהט ער חיות פון אים![1]

דער שפע אלקי טאקע גיט א קום אן, ס'איז א געוואלדיגער - ס'איז גדול עד למאד, טאקע קען זיין ער קען נישט אריין אין מח, ס'גייט ארום דעם מח, אבער דער מענטש איז אבער יונק פון דעם, ער ציהט דערפון חיות, ער האט אבער גוטע געדאנקען!

דער גוטער געדאנק וואס ער האט, איז ער ווייט פון דעם בפועל ממש, ער איז ווייט פון דעם, עס קען נאכנישט אריינגיין אין מח דער גוטער געדאנק, אבער וואס האב איך דערפון? אז איך וועל האבן דעם גוטן געדאנק וועל איך ציען חיות פון דעם גוטן געדאנק, מיט די צייט וועט ער יא קענען אריינגעמען מער אין מח אריין.

וְאֵין נִכְנָס בַּמֹּחַ, אֶלָּא הוּא מַקִּיף אֶת הָרֹאשׁ. כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים כַּמָּה חָכְמוֹת עֲמֻקּוֹת, שֶׁאֵין יְכֹלֶת בַּמֹּחַ הָאֱנוֹשִׁי לְהָבִין עַל בֻּרְיוֹ, כְּמוֹ כַּמָּה וְכַמָּה מְבוּכוֹת שֶׁאָנוּ נְבוֹכִים בָּהֶם, כְּמוֹ הַיְדִיעָה וְהַבְּחִירָה, שֶׁאֵין מֹחַ שֶׁל אֱנוֹשִׁי יָכוֹל לְהָבִין אֶת הַיְדִיעָה הַזֹּאת, וְהַשֵּׂכֶל הַזֶּה הוּא בִּבְחִינַת מַקִּיף, שֶׁאֵין נִכְנָס בִּפְנִימִיּוּת הַמֹּחַ כִּי אִם מַקִּיף אוֹתוֹ מִבַּחוּץ, וְהַשֵּׂכֶל הַפְּנִימִי מְקַבֵּל חִיּוּתוֹ מֵהַמַּקִּיף הַזֶּה, אה דא זאגט דער רבי, אז מען איז מקבל חיות פון דעם מקיף!

❖

[1] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קל"ב.

# ידיעה ובחירה

פון דער 'ידיעה' מיט 'בחירה' - אסאך מענטשן ווערן גאר נתפקר דערפון, "אז דער אויבערשטער ווייס וואס איך וועל זיין, מוז איך דאך שוין זיין אזוי ווי דער אויבערשטער וויל!?", זאגן זיי: "וואס קען איך מאכן אז דער אויבערשטער ווייס וואס איך וועל זיין?!".[יא]

(אבל האמת היא) דער אויבערשטער 'ווייס' - און דו קענסט אויך 'בחירה האבן', וואס דו קענסט זיך 'בוחר זיין'! נאכדעם ווי דו וועסט זיך 'בוחר זיין' האט דער אויבערשטער געוואוסט וואס דו וועסט זיך בוחר זיין!

איז דאך (א סתירה) - דאס איז די זאך! די 'ידיעה ובחירה' קען מען בשום אופן נישט משיג זיין, סיידן דער וואס איז אינגאנצן נישט 'בגדר אנושי'!

וְדַע, שֶׁזֶּה עִקַּר כֹּחַ הַבְּחִירָה, כָּל־זְמַן שֶׁהַשֵּׂכֶל אֵין כָּל כָּךְ גָּדוֹל לְהָבִין הַיְדִיעָה וְהַבְּחִירָה, אֲזַי כֹּחַ הַבְּחִירָה עַל מְקוֹמוֹ, כִּי יֵשׁ בְּיָדוֹ כֹּחַ לִבְחֹר הַחַיִּים אוֹ הִפּוּכוֹ, אה, דער אויבערשטער זאגט אליין, א פסוק איז דא, דער אויבערשטער זאגט, "החיים והמות נתתי לפניך, הברכה והקללה, 'ובחרת בחיים'!", קלייב זיך אויס דעם חיים, "למען תחיה אתה וזרעיך!".[יב]

איך האב דיר געגעבן צוויי וועגן, קלייב זיך אויס!

זאגט די גמרא:[יג] דאס איז טאקע דער סיוע, דער אויבערשטער העלפט אונז, ער זאגט אונז "ובחרת - קלייב זיך אויס - בחיים", קלייב זיך אויס אין די 'חיים'!

און מיר ווייסן דערפון, אבער דער בעל דבר האט אזא מין כח אז ער בייט גאר איבער, אז דאס וואס איז גאר 'היפוך פון חיים' מאכט ער 'חיים', דאס איז גאר 'גן עדן', די 'תאוות' וואס דאס איז גאר די היפוך זאגט ער 'יא, דאס איז גן עדן'!

---

[יא] עי' ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה ד' אות מ"ט: כִּי יֵשׁ שֶׁאֵינוֹ מַתְחִיל כְּלָל לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ, אוֹ שֶׁעוֹשֶׂה ח"ו עוֹד לְהֵפֶךְ כְּמוֹ הַקַּלֵּי עוֹלָם וְהָרְשָׁעִים וּבַעֲלֵי עֲבֵרוֹת רח"ל, וְזֶה נִמְשָׁךְ מֵהַיֵּצֶר הָרָע שֶׁיּוֹנֵק מִמְּבוּכוֹת הַנַּ"ל, שֶׁרוֹצֶה לְהַגְבִּיר הַיְדִיעָה עַל הַבְּחִירָה כְּאִלּוּ אֵין ה' יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה כְּלָל בַּעֲבוֹדַת הָאָדָם, שֶׁמִּשָּׁם נִמְשְׁכוּ כָּל דֵּעוֹת הָאֶפִּקוֹרְסִים וְהַפּוֹרְקִים עֹל לְגַמְרֵי... עיי"ש.

[יב] דברים ל' י"ט.

[יג] עי' רש"י שם.

❖

# אכול ושתו כי מחר נמות

א פסוק איז דא,[יד] "אכול ושתו כי מחר נמות", א פסוק אין ישעי', "עס און טרינק ווייל מארגן וועלן מיר שטארבן"!

זאגט רש"י דארטן: "כאפ אריין, מארגן וועסטו שטארבן, וועסט שוין נישט קענען עסן, כאפ אריין פריער!", דער רשע זאגט אזוי, "אכול ושתו כי מחר נמות", אז מען לעבט דארף מען לעבן א גוטן טאג! וועסטווארטן אויף מארגן? 'מחר נמות'!...

איז איינער ער ווייס אז 'מחר נמות' כאפט ער אריין תורה ותפילה, געוואלד - "מחר נמות", מארגן וועט מען דאך נישט קענען גארנישט כאפן, דארף איך היינט כאפן! און 'דער' זאגט: "כי מחר נמות" - (להיפוך כנ"ל).

איז 'ובחרת בחיים'!!!

אבער דער בעל דבר בייט איבער גאר, דאס וואס ס'איז אמת א 'חיים טובים' דאס מאכט ער גאר פאר דעם היפך, און יענץ מאכט ער אז דאס איז די חיים גאר!

דארף מען בעטן דעם אויבערשטן! נאר תפילה, תפילה, תפילה! בעטן דעם אויבערשטן, 'פיר מיך מיט דיין אמת'![טו]

און די תפילה דארף זיין נישט 'אלט', ס'דארף זיין 'ניי' גאר, יעדער טאג איז א באזונדערע בריאה - זאגט דער רבי,[טז] יעדער טאג איז א באזונדערע בריאה, און איך דארף יוצא זיין דעם חוק פון דעם טאג.

---

[יד] ישעי' כ"ב י"ג.

[טו] עי' ליקוטי הלכות הל' יין נסך ד' אות י"ז: ... עַל-כֵּן בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לִצְעֹק וְלִזְעֹק הַרְבֵּה לַה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיּוֹלִיכֵהוּ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָאֱמֶת תָּמִיד, אוּלַי אוּלַי יִזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי, וְעַל כָּךְ בֶּאֱמֶת צוֹעֵק דָּוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה, הַרְבֵּה עַל זֶה, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר 'הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ וְכוּ"... כִּי צְרִיכִין לִזְכוּת גָּדוֹל וִישׁוּעָה וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים וְהִשְׁתַּדְּלוּת וִיגִיעָה גְּדוֹלָה כָּל יְמֵי חַיָּיו, שֶׁיִּזְכֶּה לֵילֵךְ בְּכָל עֵת בְּדֶרֶךְ הַקֹּדֶשׁ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ ...

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ער"ב: הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שֶׁלֹּא יָשִׂים לְנֶגֶד עֵינָיו כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם ... כִּי אֵין לְאָדָם בְּעוֹלָמוֹ כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם וְאוֹתוֹ הַשָּׁעָה שֶׁעוֹמֵד בּוֹ, כִּי יוֹם הַמָּחֳרָת הוּא עוֹלָם אַחֵר לְגַמְרֵי...

אזוי שטייט אין 'זוהר הקדוש',[יז] אז דעם טאג וואס א מענטש ווערט נסתלק, קומען 'אלע טעג', אלע טעג קומען דעמאלט, און דער אויבערשטער איז זיך מתבונן אין יעדן טאג צו ער האט א שלימות - צו נישט! יעדער טאג קומט צו גיין!

דער 'מראה כהן' ברענגט אינעם ספר זיינעם דעם 'זוהר', "דער אויבערשטער איז זיך מתבונן אין יעדן טאג!".

נאר וואס דען, מען דארף טוהן תשובה! דער רבי האט דאך אונז געגעבן א זאך פון תשובה, "רעדן צום אויבערשטן דיבורים!".[יח]

אבער דאס דארף מען דאך אויך געבן, דאס "ויקרבו ימי", עס שטייט ביי ישראל (ויקרבו ימי ישראל), און ביי דוד המלך'ן.[יט]

די טעג קומען, עס קומט א טאג, א 'שיינער טאג' - און 'נישט קיין שיינער טאג', האט ער כאטש געהאט א מרירות אויף דעם טאג, כאטש גערעדט צום אויבערשטן, איז אויך זייער גוט!

אבער אז ס'גייט אוועק א טאג אזוי מיט גארנישט, און מען היט נישט די "ז' קני המנורה", און איך רעד גארנישט צום אויבערשטן, ס'איז מיר גארנישט מבלבל, איך האב דאס גארנישט אינזינען אינגאנצן, איז דאך א געוואלד, א געוואלד!

זאגט דער רבי דא, כִּי יֵשׁ בְּיָדוֹ כֹּחַ לִבְחֹר הַחַיִּים אוֹ הִפּוּכוֹ, אז ער וויים נישט דעם שכל פון 'ידיעה ובחירה' האט ער א כח זיך בוחר זיין דעם חיים או הפוכו, אֲבָל כְּשֶׁיָּבִינוּ הַמַּקִּיף הַזֶּה לִפְנִים, וְאָז יִתְגַּדֵּל הַשֵּׂכֶל הָאֱנוֹשִׁי וְיִתְגַּלֶּה לָאֱנוֹשִׁי הַיְדִיעָה וְהַבְּחִירָה, אָז יִתְבַּטֵּל הַבְּחִירָה, כִּי אָז עַל-יְדֵי גְּדוֹלוֹ שֶׁל הַשֵּׂכֶל יֵצֵא מִגֶּדֶר הָאֱנוֹשִׁי וְיַעֲלֶה לְגֶדֶר מַלְאָךְ, וְאָז יִתְבַּטֵּל הַבְּחִירָה, וְזֶה זֶה עִקַּר כֹּחַ הַבְּחִירָה, זֶה שֶׁאֵין יוֹדֵעַ הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַיְדִיעָה וְהַבְּחִירָה.

❖

[יז] פרשת ויחי דף רכ"א ע"ב.

[יח] עי' ליקוטי הלכות הל' קריאת שמע ה' אות י"ד: כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה עַל-יְדֵי הַדִּבּוּר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'", כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל, "אֵינִי מְבַקֵּשׁ מִכֶּם אֶלָּא דְּבָרִים".

[יט] עי' זוה"ק שם.

# נסיון העוני - נסיון העושר

רבי נתן ברענגט אין א הלכה,[כ] עס איז דא אמאל - די גמרא ברענגט אז: "יפה עניות לישראל",[כא] 'עניות' פאר אידן איז זייער גוט, און די גמרא זאגט:[כב] "שלשה דברים מרחיבים דעתו של אדם, דירה נאה כלים נאים" וכו'.

אין יעדע זאך איז דא א גמרא 'אזוי' און 'אזוי', אז עניות איז 'גוט', אבער עניות איז 'מעביר על דעת קונו',[כג] און ווייטער איז דאך יעדער זאך איז 'דבר והיפוכו'.

זאגט ר' נתן אזוי: אלע מאמרים זענען אמת, מאמרי חז"ל, נאר יעדעם פירט דער אויבערשטער באופן ער זאל האבן א בחירה, ביי 'דעם' גיט דער אויבערשטער 'עשירות', ווייל 'עניות' וועט אים זיין א 'מעביר על דעת קונו', ער וועט אינגאנצן פאלן, גיט מען אים 'עשירות', 'דעם' ווייטער - איז פארקערט, אז מען וועט אים געבן 'עשירות' וועט זיין 'ורם לבבך ושכחת'.

יעדן איינעם טוהט מען נאר אזוי באופן ער זאל האבן בחירה, דארף א מענטש גלויבן!

"יענער איז א עושר וויל איך אויך זיין א עושר" - (כך חושב האדם, אבל באמת) יענעם גיט מען 'עשירות'?! זיין בחירה איז ביי 'עשירות' - דיין בחירה איז 'עניות'!

נאר וואס דען, אז מען האלט אוים די בחירה א שטיקל צייט, קען (זיין) - בייט דער אויבערשטער איבער! אבער ער וויל יעדן איינעם אויספראוון מיט א זאך.

---

[כ] עי' ליקוטי הלכות הל' קריאת שמע ה' אות ט"ז: וּמַה שֶּׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁיֵּשׁ לָזֶה הַרְבֵּה עֲשִׁירוּת מְאֹד וְלָזֶה עֲנִיּוּת וְדַחֲקוּת גָּדוֹל, וְכַיּוֹצֵא שְׁאָר הַשִּׁנּוּיִים רַבִּים שֶׁבְּפַרְנָסָה, הַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהוּא יוֹדֵעַ מַה שֶּׁעוֹשֶׂה, לְפִי עִנְיַן הַבְּחִירָה שֶׁל כָּל אֶחָד, שֶׁהַבְּחִירָה שֶׁל זֶה הוּא דַּיְקָא עַל-יְדֵי עֲשִׁירוּת, וְשֶׁל זֶה דַּיְקָא עַל-יְדֵי עֲנִיּוּת, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה שְׁאָר הַשִּׁנּוּיִים הָרַבִּים. וכעי"ז בהל' הפקר ונכסי הגר ד' אות י"ב: כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ דָּן וְשׁוֹפֵט אֶת כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי מְקוֹמוֹ, כְּפִי מַה שֶּׁהוּא לְבַד יוֹדֵעַ מְקוֹם כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כִּי ה' יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁזֶּה הָאָדָם אֵינוֹ יָכוֹל לְהַגִּיעַ לְתַכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי כִּי אִם עַל יְדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עֲשִׁירוּת גָּדוֹל וְכָל טוּב בְּזֶה הָעוֹלָם, וּלְהֵפֶךְ הָאַחֵר אֵינוֹ יָכוֹל לָבוֹא לְתַכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי כִּי אִם עַל יְדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ עֲנִיּוּת וְדַחֲקוּת גָּדוֹל בְּזֶה הָעוֹלָם, וְהַכֹּל כְּפִי מְקוֹמוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד, שֶׁאֵין שׁוּם אָדָם יוֹדֵעַ הַמָּקוֹם שֶׁל כָּל אֶחָד כִּי אִם הוּא לְבַדּוֹ יִתְבָּרַךְ.

[כא] חגיגה דף ט' ע"ב.

[כב] ברכות דף נ"ז ע"ב.

[כג] עירובין דף מ"א ע"ב.

איך געדענק טאקע, נאשקע'ס טאטע, 'מאטיע',[כד] א שטיקל צייט איז ער געווען א פארמעגליכער, און געטיילט צדקה און אומאן, ער פלעגט קומען געבן גרויסע צדקות, געטיילט און געטיילט, פלוצלונג געווארן אן ארימאן, איז ער געקומען קיין אומאן, ער קען נישט טיילן, ער האט נישט, און געווען אזוי מרה שחורה'דיג, צוגעלייגט, האב איך דעמאלט גערעדט מיט אים היימיש, זאג איך אים: "מאטיע, וואס ביסטו צוגעלייגט?", זאגט ער: "איך בין געוואוינט, איך זאל קומען זאל איך געבן, איך קען נישט געבן!".

האב איך מיט אים גערעדט דעם רעיון: "פריער האט דיר דער אויבערשטער געפרואווט מיט 'עשירות', ביסטו געווען א גוטער, האסט געטיילט! איצטער וויל מען דיר פרואוון מיט 'עניות', ווי אזוי וועסטו דא זיך האלטן!".

דער אויבערשטער וויל דיר אויספרואוון, אלע סארטן וויל ער אויספרואוון, וועסטו זיך איצטער האלטן זיך, וועסט האבן אמונה, וועט דער אויבערשטער דיר צוריקגעבן, דו וועסט ווייטער האבן, דו וועסט ווייטער אנהויבן טיילן!

אבער דערווייל וואס מען פרואווט דיר קענסטו נישט זאגן "איי פריער?!", פריער האסטו געטיילט, ביסט געווען א גוטער טיילער, איצטער וויל מען דיר פרואוון - ווי וועסטו זיך איצטער דערהאלטן זיך?!

דאס איז דאך געווים מן השמים, א מענטש איז געווען אן ערליכער איד, און אסאך צדקה געטיילט, פלוצלונג ווערט ער אן ארימאן, איז געווים מן השמים דאס דאזיגע, "מען וויל דיך פרואוון, זעהן ווי וועסטו זיך האלטן אין אמונה!".

דער אויבערשטער וויל האבן א 'חייל' (א זעלנער), ווי אזוי אין אלע צייטן זאל ער זיך האלטן זיך מיט אים!

נאכדעם איז ער (מאטיע) געווארן צוריק, האט ער ווידער געטיילט! ער האט ווידער אנגעהויבן צו טיילן!

אבער בשעת ס'קומט אן אזא מין זאך, קען מען נישט זאגן דעם אויבערשטן, "איך וויל זיין א טיילער"!

[כד] רבי מרדכי קאנעלסקי המכנה 'מאטיע' מאנ"ש בעיר טשערין.

❖

# חם לבי בקרבי - דיברתי בלשוני

וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זַ"ל (בְּרָכוֹת י"ז), שֶׁלֶּעָתִיד צַדִּיקִים יוֹשְׁבִים וְעַטְרוֹתֵיהֶם בְּרָאשֵׁיהֶם. עטרה איז דאך 'אויפן' קאפ? עטרה איז 'אין' קאפ? - 'עַל רָאשֵׁיהֶם' הֶצְרַךְ לוֹמַר, זאגט דער רבי, כִּי לֶעָתִיד יִתְבַּטֵּל הַבְּחִירָה.

דער מדרש זאגט טאקע, א פסוק דא אין קהלת: "ימים אשר אין בהם חפץ",[כה] זאגט דער מדרש, "זה ימות המשיח!".[כו]

'ימות המשיח' וועט דאך זיין גוט? צדיקים וועלן זאגן "מיר ווילן נישט דעם, דעם האבן מיר קיין בחירה נישט, פריער האבן מיר געוואלט, ווייל מיר האבן געהאט בחירה!".

דעמאלט וועט זיין 'ביטול הבחירה' אבער א קליינע בחירה וועט זיין! די בחירה אויף 'עבירות' וועט נישט זיין, ס'וועט זיין א בחירה דארטן אויף 'השגות', און צדיקים וועלן זאגן: "מיר ווילן נישט, מיר ווילן - מיר האבן געהאט מניעות אויף יעדער זאך, מיר האבן געהאט שטערונגען - מיר האבן געבראכן, דאס ווילן מיר! איצטער ווילן מיר נישט!".

איז דאך אדרבה, בשעת דער מענטש האט בחירה, דער אויבערשטער שיקט אים אמאל צו א מניעה אין א זאך, דארף ער דאך אוודאי מקבל זיין, דאס איז א חשיבות!

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה ל"ח,[כז] די גמרא זאגט, "הלומד תורה בלילה מושכין עליו חוט של חסד ביום", 'בלילה' - זאגט דער רבי - 'בעניות ובדחקות', ער לערנט בשעת 'עניות ובדחקות', דעמאלט כאפט ער ארוים תורה, דאס איז א געוואלדיגע חשיבות למעלה.

וועט ער זאגן: נע, ווען איך וועל האבן וועל איך לערנען?! "מען וויל דאך די תורה פון איצטער וויל מען דאך פון דיר!!", בשעת ס'איז דיר ענג די צייט, דעמאלט כאפ

---

[כה] קהלת י"ב א'.

[כו] מס' שבת דף קנ"א ע"ב

[כז] אות ד'.

ארוים תורה! ס'איז דאך א אנדער חשיבות די תורה דעמאלט, אז ער איז אין א הרחבה איז גארנישט אזא מין יחוס די תורה.

אוודאי - ברוך השם, מען דארף בעטן דעם אויבערשטן אז מען זאל נישט האבן קיין מניעות, אוודאי, אבער אז ס'קומט אן, ס'קומט דאך אמאל אן א מענטשן, זאל ער וויסן - בשעת ס'קומט אן מוז אזוי זיין, ס'קען זיין מארגן וועט שוין ווערן אנדערש, מארגן וועט אים ווערן אנדערש, אבער בשעת ס'איז דא דאס דאזיגע, זאג נישט אז 'שפעטער'!

(למשל) אז איינער האט דארטן א געוואלדיגע פיבער אין מח, און בשעת די פיבער וויל ער גארנישט טוהן, (אומר) "די פיבער וועט איבערגיין", ס'גייט טאקע איבער, אבער דער מח קען ווערן פארברענט, עס קען שאטן צום מח, מען דארף לייגן אביסל אייז ס'זאל נישט אזוי זיין - די פיבער ברען.

ס'קומט דעם מענטש אן א 'ברענונג' (איזה נסיון), און ער וועט זאגן "ס'וועט איבערגיין", אוודאי וועט עס איבערגיין, אבער ס'וועט איבערגיין און דו וועסט גארנישט טוהן בשעת ס'ברענט וועט דיר בלייבן שפעטער אויך א ברענונג! בשעת ס'ברענט דעמאלט טוה עפעס, ווארט נישט ביז ס'וועט איבערגיין![כח]

❖

זאגט דער רבי - כִּי לֶעָתִיד יִתְבַּטֵּל הַבְּחִירָה, וְזֶה: צַדִּיקִים יוֹשְׁבִים, שֶׁהַיְשִׁיבָה הוּא מוֹרֶה עַל הֶעְדֵּר הַבְּחִירָה, כְּמוֹ: "יוֹשֵׁב בַּשָּׁמַיִם", 'הליכה' - א מענטש אז ער 'גייט' - ווייזט זיך 'תנועות', 'אזוי', 'אזוי' - א 'ישיבה' הייסט א מין 'קביעות', דער לשון 'יושב' ווייזט אויף א קביעות, העדר הבחירה, שֶׁהוּא מוֹרֶה עַל הֶעְדֵּר הַהִשְׁתַּנּוּת.

כִּי הַתְּנוּעָה מוֹרָה עַל הִשְׁתַּנּוּת מֵרָצוֹן אֶל רָצוֹן, וְהַיְשִׁיבָה מוֹרָה עַל הֶעְדֵּר הִשְׁתַּנּוּת, הַיְנוּ בִּטּוּל הַבְּחִירָה, לעתיד וועט זיין 'יושבים', ס'וועט נישט זיין קיין בחירה, ס'וועט זיך נישט דרייען אהין אהער.

[כח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ט אות ה' על הפסוק "חם לבי בקרבי" וכו'.

פארוואס וועט אזוי זיין לעתיד? וְזֶה מֵחֲמַת וְעַטְרוֹתֵיהֶם, הַיְנוּ הַמַּקִּיפִים, כְּמוֹ "שָׁאוּל וַאֲנָשָׁיו עֹטְרִים אֶל דָּוִד", בְּרָאשֵׁיהֶם, וְלֹא עַל רָאשֵׁיהֶם. הַיְנוּ הַמַּקִּיפִים יִכָּנְסוּ בְּתוֹךְ הַמֹּחִין לִפְנִים, וְאָז יִכָּנְסוּ כָּל הַשִּׂכְלִיּוֹת שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לְהָבִין אוֹתָם יִכָּנְסוּ לִפְנִים בְּתוֹךְ הַמֹּחִין, וְיֵדַע וְיַשִּׂיג אוֹתָם.

❖

# יום הוא ועדיך יבוא

דער רבי ברענגט אין 'ספר המידות':[כט] איין טאג וואס א מענטש דינט דעם אויבערשטן 'בבחרותו', איז חשוב'ער ווי אסאך יארן 'בזקנותו'! אין דער יוגנט איז איין טאג בעסער ווי יארן אויף דער עלטער!

וואס איז די 'בחרותו וזקנותו'? 'בבחרותו' האט ער מניעות, ס'קאכט זיך אים, ס'ברענט דאך אים, און אין די שטוב מיט קינדערלעך - 'בזקנותו' האט ער שוין די קינדער חתונה געמאכט, ער האט שוין די געלט, ער קען שוין זיצן! קומט דאך אויס אז דער עיקר 'בחרותו' מיינט מען - ער האט 'מניעות', מען שטערט אים, 'בזקנותו' האט ער נישט קיין מניעות, און ביים אויבערשטן איז חשוב אזוי ווען מען האט מניעות, אויף כמה יארן פון דער עלטער!

אזוי איז אויך שייך צו זאגן דאס דאזיגע, דעם 'טאג' וואס ער האט מניעות, און ער האט שטערונגען, אין דעם טאג האט ער א חתונה, און ער לאזט נישט אפ דעם טאג, "ס'איז אויך א טאג!", "ס'איז אויך א טאג!".

רבי נתן ברענגט אין די הלכה דארטן פון 'הלכות פקדון',[ל] אויף די ספירה, ברענגט ער דארטן דעם פסוק, א פסוק איז דא אין תרי עשר, עס שטייט אין פסוק אזוי:[לא] "יום ההוא ירחק חק, יום הוא ועדיך יבא", 'יום הוא', עטליכע מאל 'יום הוא', זאגט ר' נתן אזוי אין די הלכה דארטן: "יום ההוא ירחק חק" - דעם טאג קען איך

---

[כט] עי' ספר המדות - ערך תשובה אות ע"ג: הָעַבְדוּת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ.

[ל] עיי"ש הלכה ד' אות ז'.

[לא] מיכה ז' י"א.

נישט האלטן דעם חוק פון די תורה, זאגט ער, "יום הוא!", ס'איז אויך א טאג! דער טאג איז אויך א טאג! "ועדיך יבוא", "יום לבנות גדריך", איך דארף מאכן א גדר, איך דארף טוהן זאכענישן.

זאגט ער 'יום הוא'! דאס איז אויך א טאג! אויף דעם טאג וועסטו אויך אפגעבן 'דין וחשבון'!

רעכנט ער אוים דארטן[לב] - אין דעם טאג האב איך א 'סעודה', זאלסטו וויסן "יום הוא", ס'איז א טאג, דו וועסט אפגעבן אויף דעם טאג 'דין וחשבון', איי דו האסט אין דעם טאג 'מניעות'? איז דאס נאך חשוב'ער! איך האב אין דעם מניעות און איך ברעך די מניעות, איך כאפ ארוים.

ער רעדט זיך איין ער האט 'מניעות' - ניין, ס'איז א טאג! "יום הוא", ס'איז אויך א טאג!

❖

# זקנים מאריכי ימים שבדור

(המשך לימוד לליקוטי מוהר"ן תו' כ"א אות ד') **וְאָז יֵצֵא מִגֶּדֶר אֱנוֹשִׁי וְיַעֲלֶה לְגֶדֶר מַלְאָךְ, וְיִתְבַּטֵּל הַבְּחִירָה.**

(השואל: 'מקיפים' וועט שוין נישט זיין דעמאלט?) ס'וועט זיין, 'מקיפים' איז דא אפילו למעלה אויך, 'בעולם העליון' איז אויך דא 'מקיפים', וואס איז אינגאנצן די 'גן עדן', די 'עולם הבא'? אלע מאל דערקענט מען דעם אויבערשטן מערער! דאס איז דער 'עולם הבא' דארטן, מען איז אלעמאל משיג דעם אויבערשטן מערער.

---

[לב] ליקוטי הלכות שם אות ו': ... כַּאֲשֶׁר נִמְצָא זֶה בְּרֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁאֵינָם מְפַקְּחִים עַל דַּרְכֵיהֶם הֵיטֵב, בִּפְרָט כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה סִבָּה וּמְאֹרָע לְטוֹב אוֹ לְהֵפֶךְ ח"ו, שֶׁאָז הַיּוֹם מִתְבַּלְבֵּל אֶצְלוֹ לְגַמְרֵי עַד שֶׁרֹב יְמֵיהֶם כָּלִים בָּזֶה לָהֶבֶל וְלָרִיק רח"ל, כְּגוֹן בְּיוֹם זֶה הוּא יָרִיד וְיוֹמָא דְשׁוּקָא, וּבְיוֹם זֶה צָרִיךְ לַחֲשֹׁב חֶשְׁבּוֹנוֹתָיו, וּבְזֶה הַיּוֹם יוֹצֵא לַדֶּרֶךְ, וּבְאֵלּוּ הַיָּמִים הוּא בַּדֶּרֶךְ נָע וָנָד וּמְטֻלְטָל, וּבְזֶה הַיּוֹם בָּא מִן הַדֶּרֶךְ וְצָרִיךְ לְהָרִים הַמַּשָּׂאוֹי מֵעַל הָעֲגָלָה וּלְסַדֵּר הַסְּחוֹרָה וּלְחַלְּקָהּ כָּרָאוּי וְכוּ', וּבְיוֹם זֶה מִזְדַּמֵּן לוֹ אֵיזֶה מְרִיבָה וּקְטָטָה עִם אֶחָד, וּבְיוֹם זֶה נִקְרָא עַל אֵיזֶה סְעֻדָּה, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה בִּטּוּלִים וּבִלְבּוּלִים שׁוֹנִים בְּכָל יוֹם וָיוֹם, עַד שֶׁכִּמְעַט בְּכָל יוֹם נִמְצָא בּוֹ בִּטּוּל וּבִלְבּוּל גָּדוֹל. וַאֲפִלּוּ בִּשְׁאָר הַיָּמִים שֶׁאֵין בּוֹ מְאֹרָעוֹת כָּאֵלֶּה. נִדְמֶה לוֹ גַּם כֵּן עַל פִּי הָרֹב בְּכָל יוֹם כְּאִלּוּ הַיּוֹם הַזֶּה אֵינוֹ כְּלוּם וְכַנַּ"ל, וְכָל זֶה נִמְשָׁךְ מֵהַגֶּדֶר מִלְּבַר דְּאִית עַל כָּל יוֹם וְכַנַּ"ל...

צדיקים זאלן לעבן מיליאנער יארן - דער אויבערשטער איז דאך אן 'אור אין סוף', אלעמאל מערער און מערער משיג, דאס איז זייער 'חיות'!

דא איז אויך דא אזעלכע אידן - דא! וואס איז זייערע טעג? ער פארמערט מער 'קדושה ודעת', דאס איז זייער טאג! נאך א טאג - מער 'קדושה' מער 'דעת'!

דער רבי זאגט אזוי, וואס הייסט "זקנים מאריכי ימים שבדור",[לג] וואס זיי האבן 'שלימות', ס'איז דא אויך אזעלכע אידן דא! אז ס'קומט צו א טאג וויל ער צו עפעס צוקומען, צו עפעס צוקומען מער! וואס בין איך היינט מער ווי נעכטן?!

וויל ער צו עפעס צוקומען, ער בענקט דערויף, ער בעט אויף דערויף!

איצטער דארף אויך אזוי זיין, לעתיד וועט זיין 'בשלימות' - וועט לעתיד זיין, ס'וועט אויך נישט זיין ביי יעדן איינעם גלייך.

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, אז מיר זאלן נישט אפלייגן אויף שפעטער! "יום הוא!", "יום הוא!".

❖ ❖ ❖

# בעצבון תאכלנה

נו, לקוטי הלכות, מען האלט ביי די מעשה פונעם בעל תפילה! (לומד בליקוטי הלכות, הלכות תפלה, הלכה ד' המיוסדת על המעשה מהבעל-תפלה, שם אות ט"ז:), **וְזֶהוּ בְּחִינַת 'קְטֹרֶת', כִּי "קְטֹרֶת יְשַׂמַּח לֵב", הֵפֶךְ 'תַּאֲוַת מָמוֹן', שֶׁהוּא בְּחִינַת 'עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה', בְּחִינַת "בְּעִצָּבוֹן תֹּאכְלֶנָּה", וְכֵן מְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה "אַשְׁרֵי הָעָם"** (סִימָן יג) **שֶׁשְּׁבִירַת 'תַּאֲוַת מָמוֹן' הוּא בְּחִינַת "קְטֹרֶת יְשַׂמַּח לֵב", וכו'.**

'תאות ממון' איז 'עצבות', ער מיינט אז די געלט וועט אים מאכן פרייליך?! 'תאות ממון' איז 'עצבות ומרה שחורה'! "בעצבון תאכלנה", די 'תאות ממון' האט אין זיך אזא מין זאך - אז וואס מערער 'געלט' איז מער 'עצבות' און מער 'מרה שחורה'!

[לג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ד' אות ט'.

איר ווייסט וואס הייסט 'עצבות'? א מענטש ער האט נישט קיין 'הסתפקות' הייסט עם 'עצבות', א פסוק איז דא, "בכל עצב יהיה מותר",[לד] א מענטש אז ער האט נישט קיין הסתפקות און באגנוגען זיך - איז עס א מין 'עצבות', (ר' יוחנן גלנט ז"ל: "יש לו מנה רוצה מאתיים").

דאס איז די געלט! 'ממון דקדושה' איז עפעס אנדערש, אבער אזוי - 'געלט', געלט ברענגט אריין (אז ער וויל) נאך און נאך און נאך, און ווערט מער מבולבל, און ער האט נישט קיין דאווענען, קיין לערנען, דאס הייסט 'עצבות'!

**וְעִקַּר הַקְּטֹרֶת הֵם בְּחִינַת הָרֵיחַ הַקָּדוֹשׁ, זֶה בְּחִינַת הָרֵיחַ שֶׁל הַמַּאֲכָלִים הַנַּ"ל שֶׁעִקַּר שְׁבִירַת תַּאֲוַת מָמוֹן הוּא עַל-יְדֵי זֶה,** דאס איז דער 'ריח פון די מאכלים'. דער רבי זאגט אין די מעשה פונעם בעל תפילה, "מען האט זיי געגעבן צו פארזוכן - פאר די מדינה פון געלט - דעם ריח פון די מאכלים, האבן זיי אוועקגעווארפן די געלט!".

❖

# מעלת אמירת הקטורת

זאגן 'קטורת' איז א געוואלדיגע זאך, ס'איז א געוואלדיגע המתקת הדינים, (כאן חסר קצת, כנראה שאגב לימודו בליקוטי הלכות מענין הקטורת, הוא מדבר על מעלת אמירת הקטורת, ומביא הסיפור מהזוהר הקדוש דלהלן)[לה] (ר' אחא איז געקומען) אין א שטאט אריין, (אמרו לו:) "געוואלד געוואלד, דא שטארבן מענטשן", האט ער געזאגט, קלייבט אוים - מען האט אויסגעקליבן דאכט זיך 'פערציג מענטשן' - זיי זאלן זיך צוגיין אין אלע פיר זייטן פון די שטאט, און זיי זאלן זאגן 'קטורת' בכוונה, צען מענטשן (צו יעדער זייט), איז גלייך בטל געווארן די מגיפה!

'קטורת בכוונה' איז א געוואלדיגע המתקת הדינים!

"מען זאל זאגן קטורת בכוונה", עס שטייט אין זוהר שטייט עס, (השואל: ר' שמעון בר יוחאי?) ניין, איינער פון די חבריא, ער איז אריינגעקומען אין שטאט אריין, האט מען

---

[לד] משלי י"ד כ"ג.

[לה] זוהר הקדוש, מדרש הנעלם, פרשת וירא, דף ק"א ע"א.

געזאגט צו אים "מען שטארבט!", האט ער געגעבן די עצה, מען זאל זאגן קטורת אין אלע פיר זייטן פון די שטאט, איז גלייך בטל געווארן די מגיפה!

איז ארויס א קול מלמעלה, דער שטן, "וואס קען מען טוהן מיט זיי, אז זיי ווייסן פון די סודות!", דער מקטרג איז גלייך אוועק, ס'איז בטל געווארן די גזירה!

קטורת בכוונה איז א גרויסע זאך! נאר וואס דען, אויך דאס אייגענע, אז ס'קומט די קטורת כאפט מען עס אפ אזוי.

דער פארנטדיגער דאווענען (הקרבנות שלפני התפילה), זיי דערציילן אויפן 'צמח צדק', ס'איז געקומען איינער א בעל עגלה, "רבי - זאגט ער - ער האט געהאט א פערדל, פון פארנט (חזית העגלה) איז צובראכן געווארן ביי אים, און ער האט נישט צו קויפן קיין אנדערער", האט ער אים געזאגט: "דו זאלסט זיין נזהר דאווענען פון '**פארנט**', וועסטו האבן פון '**פארנט**' דארטן אויך!".

א 'בעל עגלה' האט דאך נישט קיין צייט, דאווענט ער נישט פון פארנט, דערפאר איז צובראכן געווארן פון פארנט דארט! ער דאווענט נישט פון פארנט, ער היט נישט דעם פארנט דאווענען.

ביז הודו איז אויך א דאווענען!

דער פרק 'איזהו', געוואלדיגע סודות און סגולות, און מען כאפט כאפט כאפט.

❖

# כאילו הקרבנו...

אז מען רעדט פון 'קטורת', דארף מען רעדן פון קטורת 'איצטער אויך', מיר האבן דאך איצטער די 'פרשה' פון קרבנות, די 'תורה' פון קרבנות, דער 'לימוד' פון קרבנות, מיר האבן נישט קיין 'קרבנות ממש', ביים אויבערשטן איז עס חשוב גלייך ווי מען איז מקריב א קרבן.

עס שטייט אז אזוי האט געזאגט דער רבי ר' זושא: "איך וועל נישט אפגעבן קיין דין וחשבון פארוואס איך האב נישט מקריב געווען קיין 'קרבן תמיד', איך וועל אפגעבן דין וחשבון פארוואס איך האב נישט געזאגט ס'זאל זיין

**גלייך 'כאילו הקרבנו', דאס וועל איך יא אפגעבן דין וחשבון! איך האב געדארפט זאגן אזוי קרבנות ס'זאל זיין גלייך 'כאילו הקרבנו'!".**

**נו, מיר לערנען 'איזהו', מיר שרייען 'איזהו', אזוי ווי איינער קלאגט: "איי וואו זענען אונזערע ערטער פון די קרבנות?!", איזהו - וואו זענען זיי?! וואו זענען זיי די ערטער פון די קרבנות?!**

**מען רעכנט אויס אלע קרבנות, אלע זאכן, מיר זענען אזוי פיל רייך, מיט פארמעג, אז מען וויים גארנישט וואס מען האט!**

**אלע טאג - מען האט א 'פסוקי דזמרה', א געוואלד, 'פסוקי דזמרה', וואס טוהט זיך אפ אין זוהר דאס גרויסקייט פון לויבן דעם אויבערשטן מיט די פסוקי דזמרה,**[לו] **זאגן בכוונה מיט שמחה די 'פסוקי דזמרה'.**

**און נאכדעם גייט 'ברכות קריאת שמע', מיט א 'שמונה עשרה', געוואלדיג, אה!**

(ממשיך שם בלימוד בלקוטי הלכות, ובסוף שומעים תפלת ערבית של רלוי"צ ז"ל)

---

[לו] ע' פרשת תרומה דף קל"א ע"א: כַּד אָתֵי צַפְרָא, וְצִבּוּרָא אִשְׁתְּכָחוּ בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא, בָּעוּ לְאִשְׁתַּכְּחָא בְּשִׁירִין וְתוּשְׁבְּחָן דְּדָוִד. וְהָא אוֹקִימְנָא, דְּסִדּוּרָא אִיהוּ לְאִתְעֲרָא רְחִימוּ לְעֵילָּא וְתַתָּא, לְאַתְקְנָא תִּקּוּנִין, וּלְאִתְעֲרָא חֶדְוָה. דְּהָא בְּגִין דָּא לֵיוָאֵי מִתְעָרֵי לְאִתְעֲרָא רְחִימוּ וְחֶדְוָה לְעֵילָּא, בְּאִינּוּן שִׁירִין וְתוּשְׁבְּחָן.